# צינד אָן דיין ליכט

כ׳בין אפשר די לעצטע פון מיין דור.
ס׳איז ניט מיין זאָרג.
ניט איך פאַרגרייט פון צייט די זאָמען.
מען האָט מיין טאָג, מיין איינציקן
געגעבן מיר אויף באָרג,
און כ׳ווייס ניט ווען מען וועט צוריק אים מאָנען.
צו זעכציק יאָר, אָדער צו זיבעציק...
מען האָט מיר אָנגעזאָגט:
דו ביסט ניט איבעריק.
דיין טאָג, דיין איינציקן זאָלסט ניט פאַרלעצן.
ער איז דיין היינט, דיין נעכטן און דיין תמיד.
ביי וועלכן טיש מען וועט דיך זעצן
צינד אָן דיין ליכט און שטעל דיין עמוד.
און אויך דיין ליכט האָט מען געגעבן דיר אויף באָרג.
ביסט נישט דער לעשער און נישט דער צינדער.
צי ס׳איז אַ העלער טאָג,
צי ס׳איז אַ חושך־שלאַק אַ בלינדער,
צי ס׳איז די גוטע רו, צי ס׳איז אַ געוויטער,
ס׳איז ניט דיין זאָרג —
צינד אָן דיין ליכט און זיי זיין היטער.
דיין פלעמל איז אין קרייז פון ליכטער.
דו ווייסט ניט ווו און ווער ס׳האָט אים געצונדן.
און אַז עס ברענט דיין ליכט מוזסטו פון פייער
טראָגן אויך די שיין און אויך די ווונדן.

און אפשר איז ניטאָ קיין דור, קיין לעצטער.
כ׳בין ניט קיין גאָלדשמיד וואָס שמעלצט אַ קייט
ביים אייזנפעסטער:
אָט האָט ער שוין געמאַכט דעם לעצטן רונג,
אָט גייט ער שוין אַהיים צו זיך אין צימער,
אָט עסט ער שוין זיין ברויט און טרינקט זיין טרונק,
אָט האָט ער שוין זיין קייט פאַרענדיקט
אויף אייביק און אויף אימער.

## אַ דור פון תהו

אַ דור וואָס האָט געזען דעם הימל פאַלן.
די זון האָט פינצטערנישט געזופּט,
און אויפן סיני האָט מען אויפגעשטעלט די טמא־שטאַלן.
אַט ביי דעם טיש אַט דעם צעבראָכענעם, צעקרימט, צעלאָמעט,
צינד אָן דיין ליכט.
און אויף דער וואַקלדיקער ערד שטעל אויף דיין עמוד,
צינד אָן דיין ליכט.
ביין צו ביין, און אָדער צו אָדער,
טרער נאָך טרער, און שפּליטער אויף שפּליטער —
ס׳איז נישט דיין זאָרג.
צינד אָן דיין ליכט און זיי זיין היטער.

1963